STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 14727

# VI MAKHT MEN ALEYN MAKHSHIRIM FAR HANTARBET:

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.



# ווי מאכט מען אליין מכשירים פאר האנטארבעט

S. Rosenkra

AMERICAN JOINT DISTRIBUTION COMMITTEE

דזשאינט

## האנטארבעט און קונסט

# ווי מאכט מען
# אליין מכשירים
# פאר האנטארבעט

אָנווייזונגען פאַר אָנפאַנגער
אין האַנטאַרבעט
מיט 15 צייכנונגען

1947

AMERICAN JOINT DISTRIBUTION COMMITTEE U.S. ZONE OF OCCUPATION GERMANY

## 1. ווי אזוי צו מאכן פארשיידענע מכשירים

זייער א סך מכשירים פאר האנדווערק קען מען אליין מאכן פון פארשיידענע אפפאל-מאטעריאלן, וועלכע זיינען זייער גרינג צו געפינען אומעטום. מיר ברענגען דא א רייע באשרייבונגען, ווי אזוי צו מאכן זייער נוצלעכע מכשירים פון אפפאל-מאטעריאלן.

## 2. מכשירים צום שניידן און לעכערן

א. א דורכשניידער ארער לאך-אייזן פאר לעדער אדער ווייכע מעטאלן קען מען מאכן פון א גרויסן נאגל (פיג.1.) מען דארף אפהאקן דעם שפיץ פון דעם נאגל און צופיילן דעם עק קלין-ארטיק ד.ה. פלאך-שארף ווי א קליין. דעם "קאפ" פונעם נאגל דארף מען ניט באזייטיקן.

ב. אן אהל (א שידלע) קען מען אויך מאכן פון א נאגל (פיג.2.) מען דארף נור דעם שפיץ אויסשארפן אויף א שארפשטיין.

אן אלטער אייז-נאגל קען אויך נוצן פאר א אהל. אזוי א דיקע נאדל, אריינגעזעצט אין א הילצערן הענטל איז א גוטע אהל פאר איידעלע ארבעס.

ב. א רונדע מייסל (דלאט) צו שניצן האלץ און גראווירן קען מען מאכן אויף עטלעכע אופנים (פיג.3.).

1. א שמאלענע שרייב-פעדער זעצט מען אריין אינעם הענטל פאר-קערט ד.ה. מיטן שפיץ אריין אינעווייניג. דאס אנדערע עק דארף מען אויסשארפן.

2. א שטיקל געווייינטלעכע בלעך פארבויגן אין די עקן ( כדי



פיג. 1



פיג. 2



פיג. 3

צו מאכן עס שטייף), איינגעבויגן אין פארם פון א שטאל-פעדער און אויסגעשארפט מאכט די זעלבע דינסט.

3. א פאטראנען-גילזע, איבערגעשניטן אין דער העלפט לענג און אריינגעזעצט אין א הילצערן הענטל קען נוצן צו שניצן אין הארט האלץ. מען דארף נור מיט א צוועגל אויסבויגן דאס עק אין דער געוווגשטער פארם און אויסשארפן עס.

ד. ראזיר מעסערלעך קען מען באנוצן אלס מעסערס (פיג.4) מען קען זיי אויך ברעכן, ווען זיי ווערן צעבראכן.

כדי זיך ניט צעשניידן די פינגער, האלט מען דאס מעסערל אין א שטיקל לעדער אדער מען באפעסטיקט עס אין א ספעציעל הענטל. דאס הענטל דארף זיין געמאכט פון צוויי שמאלע פאסיק-לעך מעטאל אריינגעזעצט אין א שטיקל האלץ. אינעם מעטאל מאכט מען צוויי לעכלעך. דער אפשטאנד צווישן די לעכלעך מוז זיין אזוי גרויס, ווי דער אפשטאנד צווישן די לעכלעך אין דעם מעסערל. דאס מעסערל באפעסטיקט מען אינעם מעטאל מיט צוויי שרויפלעך. שטארקערע מעסערס קען מען מאכן פון צאברא-כענע באיאנעטן אדער צעבראכענע רעסארן פון א אויטאמאביל.

## 3. מכשירים צום בויגן בלעך און גראווירן לעדער

1. א פשוטער זשארניר פון א טיר קען נוצן צום אויסבויגן בלעך (פיג.5).

2. א שטיק רער באפעסטיקט מיט צוויי מעטאלענע אדער לעדערנע פאסיקלעך איז א גוטער טאק-שטיל (א טאק-שטענגל) פאר מעטאל



פיג. 4



פיג. 5



פיג. 6



פיג. 7

ארבעס (פיג.6).

מכשירים צום אויסדריקן מוסטערס אין לעדער; האלץ אדער ווייך מעטאל, קען מען מאכן פון א גרויסן נאגל. צו גרעסערע מוסטערן נוצט מען א באלט (א שרויב), אין וועלכנ'ס עק ס'איז אויסגעפיילט דאס פארלאנגטע מוסטער (פיג. 7).

4. א קאנט-אייזן אויסצודרוקן א קאנט אין לעדער אדער מעטאל איז גרינג צו מאכן פון א נאגל: מען זעצט ארײַן דעם נאגל מיטן שפיץ אין א הילצערנעם הענטל. דאן האקט מען אפ דאס קעפל און מען העמערט אויס אדער מען פיילט אויס דאס עק ווי עס ווייזט די (פיג.8).

## 4. מכשירים צום צייכענען

א. א קעסטל דורכגעשניטן אונטערן ווינקל, וואס איז אנגעצייכנט מיט דער פונקטירטער ליניע, נוצט פאר א שרייב-טיש (פיג.9).

ב. צום אויפצייכענען א ראד קען מען באנוצן א קײַלעכיג גלעזל אדער א מטבע. אויב מען דארף האבן א צירקל, קען מען עס גלייך מאכן פון א שמאל שטיקל הילצערן שטעקעלע. מען דארף נור מאכן אין דעם צוויי לעכעלעך: איינס אויף ארײַנצוזעצן א נאגל און דאס צווייטע אויף דעם בליישטיפט (פיג.10). מען קען אויך עטלעכע לעכלעך פאר א בליישטיפט, כדי צו קענען מאכן קרייזן פון פארשיידענע גרויס.

ג. אויפצייכענען אן עליפסע קען מען, באנוצענדיק זיך מיט א



פיג. 8



פיג. 9



פיג. 10




פיג. 11

פאדעם, מיט צוזאמענגעקניפטע ביידע עקן. דאס פאפיר, אויף וועלכעם מען וויל צייכענען, לייגט מען אוועק אויפן טיש.מען קלאפט אריין צוויי נעגעלעך, אויף וועלכע מען וואַרפט ארויף דעם פאדעם. מיט דעם שפּיץ פונעם בלייַשטיפט ציט מען אויס דעם פאדעם און מע'צייכענט אויס א ליניע ארום די צוויי נעגעלעך ( תמיד האלטענדיק דעם פאדעם אויסגעצויגן) פיג.11.

ד. שרייבן גרויסע אותיות (פלאקאטן, אפישן) קען מען מיט א העלצל, וואס איז צוגעשניצט אין פארם פון א קלין (פיג.12).

ה. א שטיקל גלאז-פאפיר, אריינגעקלעפט אין א ליידיק ביכעלע פון שוועבעלעך, נוצט אויסצושארפן דעם שפּיץ פון א בלייַשטיפט (פיג.13). א לולקע רייניקער (א שנורל צום רייניקן א לולקע) צוגעקלעפט אונטערן רעקל נוצט אפצווישן דעם גריפל-שטויב .

5. פארשיידענע אנדערע מכשירים

א. א קליין אייזעלע צום דערגלייכן מעטאל אדער ווייכצומאכן א פלאסטישע מאסע קען מען מאכן פון א בלעכענע פושקע, און וועלכע עס איז אוועקגעקומען דאס דעקל (פיג.14). דורך די עפענונג אונטן לייגט מען אריין דעם הייץ-מאטעריאל. דער רויך גייט ארויס דורך דעם לאך, וואס דארף זיין אויסגעשניטן פון דער צווייטער זייט פושקע.

ב. הענטלעך צום באפעסטיקן פארשיידענע מכשירים קען מען מאכן פון א בעזעם-שטעקן.

## 6. מאטעריאלן

מאטעריאלן פאר האנדווערק זיינען פאראן אומעטום. מען קען אויך באנוצן פארשיידענע ערזאץ-מאטעריאלן. אנשטאט לעדער קען מען למשל נוצן לייוונט, צעראטע אדער ענלעכע מאטעריאלן, וואס לאזן זיך באארבעטן אזוי ווי לעדער. מיר גיבן ווייטער א רייע מאטעריאלן, וואס זיינען גרינג צו געפונען.

## 7. האלץ

ברעטלעך פון קליינע און גרויסע קאסטענס, גלאז געמאכט מים גלאז-פאפיר קענען נוצן אלס מאטעריאל פאר א סך זאכן. היל-צערנע ציגארעטן-שאכטל קען מען באנוצן אלס רעמלעך. צעבראכענע שטעקן'ס פון כאזע-באל קענען נוצן אויסצושניצן קיילעכדיקע פיגורן.

## 8. מעטאל

א חוץ בלעכענע קאנסערוון-פושקעס, וועלכע מיר האבן פריער דערמאנט, קענען אלס מאטעריאל נוצן אויך פאטראנען-גילזען. אויך ליידיקע שאכטעל פון פאטראנען, און אלומיניום-פושקעס, וועלכע געפונען זיך אין א גרויסע צאל אויף די פלוג-פלעצער, קענען באנוצט ווערן אלס מאטעריאל.



פיג. 12



פיג. 13



פיג. 14



פיג. 15

## 9. לעדער

פאר קליינע זאכן פון לעדער קען מען באנוצן אלס מאטעריאל אלטע פוס-באלן און קאשיקוורקע-באלן (באסקעט-באל) ווי אויך געטראגענע שוך, וועלכע מע'קען שוין נים פאריכטן. לעדערנע רימען צום פלעכטן, בייטשן און שנורן קען מען אויסשניידן פון קליינע קיילעכיקע שטיקלעך לעדער אזוי ווי עס ווייזט די פיג.16.

## 10. פלאסטישע און עלאסטישע מאטעריאלן

אויף די פלוג-פלעצער זיינען פאראן שטיקלעך עלאסטיש גלאז וועלכע מען קען באנוצן אלס מאטעריאל דאס לאזט זיך בויגן ווען מע'ווארעמט עס צו. אויך מען דארף נים בויגן קען מען נוצן אפפאל פון באקעלים אדער הענטלעך פון אלטע ציין-בערשטעלעך, פון וועלכע עס לאזט זיך מאכן פארשיידענע קליינע זאכן.

## 11. טעקסטיליען

מאלן אייל-בילדער קען מען אויף ברעזענט אדער ליווונט פון א שיס-שייבע ווי אויך אויף זייד פון א פאלשירם וואס איז אויפגעצויגן אויף א ראם פון א וואנד-טאפל. פון די שטריק פון פאלשירמען קען מען פלעכטן און וועבן פארשיידענע זאכן. זיי זיינען שטארק עלאסטיש און לאזן זיך פארבן אין פארשיי-דענע קאלירן.

## 12. אנדערע מאטעריאלן

אין פארשיידענע לענדער זיינען פאראן ארטיקע מאטעריאלן, וועלכע מע'קען אויסנוצן אלס רוי-שטאפן פאר האנדווערק. למשל, כריין, פיש-ביין, עלעפאנטן-ביין לאזן זיך שניצן און פיילן. שיינע צירונג קען מען מאכן פון מושלען, שנורן און האלב-איבעלע שטיינער. פון פארשיידענע פאדעם-ארטיגע פלאנצען און גראזן קען מען מאכן געפלאכטענע סאנדאלן, שטעק-שיך א.א.וו. מען קען זאגן, אז א בעל-מלכה קען אומעטום געפונען מאטעריאלן, וועלכע ער קען צופאסן צו זיין האנדווערק.

AMERICAN JOINT DISTRIBUTION COMMITTEE
דזשאָינט

Published with approval of OMGB, ICD